**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/22/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל שרייבט אונטער א רייע האוזינג געזעצן**

***געזעץ S.69/A.297 טוישט די געזעץ אין פארבינדונג מיט קליינע קלאגעס געריכט דזשוּריסדיקעשען וואו דער וואס קלאגט אן איז א טענאנט אדער איינער וואס ליעסט א ריעל עסטעיט פראפערטי און דער וואס ווערט אנגעקלאגט איז דער אייגנטומער פון די פראפערטי און געפונט זיך אין געוויסע גרעניצן***

***געזעץ S.290/A.113 נעמט ארויס די ריבית (אינטערעסט) פון א בעל חוב אויף זייער רענט-סטאבילּיזירטע ליעס פון די באנקראט פראצעדורן***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן פארבינדן מיט האוזינג. געזעץ (S.69/A.297) טוישט די געזעץ אין פארבינדונג מיט קליינע קלאגעס געריכט דזשוּריסדיקעשען וואו דער וואס קלאגט אן איז א טענאנט אדער איינער וואס ליעסט א ריעל עסטעיט פראפערטי און דער וואס ווערט אנגעקלאגט איז דער אייגנטומער פון די פראפערטי און געפונט זיך אין געוויסע גרעניצן. געזעץ S.290/A.113 נעמט ארויס די ריבית (אינטערעסט) פון א בעל חוב אויף זייער רענט-סטאבילּיזירטע ליעס פון די באנקראט פראצעדורן.

"מיר נעמען אונטער שריט צו זיכער מאכן אז די וועלכע טרעפן זיך אין שווערע סיטואציעס זאלן נישט דארפן מורא האבן צו פארלירן זייערע היימער", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "פארברייטערן און באפעסטיגן טענאנט'ס רעכטן בארואיגט די וועלכע דינגען זייערע היימער. איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן די געזעצן, ווייל עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער די כבוד הבריות פון האבן א דאך איבערן קאפ."

געזעץ S.69/A.297 ערלויבט טענאנטס וועלכע וואוינען אין א געדינגענע הויז יושר'דיגע צוטריט צו די קליינע קלאגעס געריכטן, לאזנדיג זיי אנקלאגן אין די קליינע קלאגעס געריכט אין די געגנט וואו די געדינגענע יוּניט געפונט זיך. בעפאר דעם האט די געזעץ ארויפגעלייגט אן אומיושר'דיגן עול אויף דעם טענאנט ביים ווילן צוריקבאקומען זייער סעקיוריטי דעפאזיט אדער אנדערע קלאגעס, פאדערנדיג אז די טענאנטס מוזן אריינגעבן די קלאגע אין די דזשוּריסדיקשען וואו דעם לענדלאר'ס ביזנעס געפונט זיך.

**סענאטאר ברעד האָילמאן האט געזאגט,** "אכטונג שלעכטע לענדלארדס: ניו יארק האט גענומען נאך שריט צו באשיצן טענאנטס. מיט די היינטיגע אונטערשריפט פון (S.69/A.297), האבן מיר עלימינירט אן אומיושר'דיגן עול וואס די געזעץ האט ארויפגעלייגט אויף טענאנטס, פארשווערנדיג פאר זיי צו ברענגען לענדלארדס צום געריכט אויב דער לענדלארד האט געוואוינט אין אן אנדערן קאונטי ווי דעם טענאנט אדער אינדרויסן פון די סטעיט. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל, מאיאריטעט פירערין סטוּערט-קאָזינס, אסעמבלי מיטגליד גאָטפריעד און מיינע קאלעגען פוןביידע לעגיסלאטיווע הייזער פאר זייער שטיצע פאר די געזעץ און רעספעקט פון טענאנט'ס רעכטן."

**אסעמבלי מיטגליד ריטשארד גאָטפריעד האט געזאגט,** "די קליינע קלאגעס געריכט קען זיין א וויכטיגע הילפ'ס מיטל פאר טענאנטס וועלכע זוכן צו מיישב זיין מחלוקות'ן מיט א לענדלארד אן די אויסגאבן און שוועריגקייטן פון אריבערגיין א לענגערע פראצעדור מיט די העכערע געריכט. צום ביישפיל, א לענדלארד וואס שטעלט נישט צו קיין הייצונג אדער פאררעכטונגען פארלעצט מעגליך די ליעס אפמאך און איז מעגליך שולדיג צו פארגוטיגן דעם טענאנט. אבער אויב דער לענדלאר'ס אפיס איז אין אן אנדערן קאונטי, האט דער טענאנט ביז יעצט נישט געקענט אנקלאגן דעם לענדלארד אין די קליינע קלאגעס געריכט. די געזעץ וועט ערלויבן טענאנטס צו אנקלאגן אין די קאונטי אדער שטאט וואו די פראפערטי געפונט זיך. איך באדאנק גאווערנאר האוקאל פארן פארשטיין אז לענדלארדס טארן נישט ערמעגליכט ווערן זיך ארויסצודרייען פון זייערע פארפליכטונגען צו זייערע טענאנטס דורכן האבן א היים אדער אפיס וואס איז ווייטער אוועק."

געזעץ S.290/A.113 באשיצט בעלי חובות וועלכע שטייען פארן גיין באנקראט דורכן זיי שענקן א באפרייאונג פון ריבית (אינטערעסט) אויף זייער רענט-סטאביליזירטע ליעס.

**סענאטאר זעלנאָר מיירי האט געזאגט,** "ניו יארקער וועלכע שטייען פארן גיין באנקראט זענען שוין אין א שווערע צושטאנד; דראענדיג זייער ליעס אין רענט-סטאביליזירטע האוזינג שיט נאר זאלץ אויף די וואונדן. דורכן אריבערפירן דעם געזעץ, גיבט זיך ניו יארק איבער צו מאכן מער סטאבילע קאמיוניטיס אין די צייט ווען מיר קריכן ארויס פון די עקאנאמישע אומזיכערהייט פון די פארגאנגענע צוויי יאר. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר האוקאל און פאר אסעמבלי מיטגליד פערי פארן ברענגען דעם וויכטיגן געזעץ צו אריבערגעפירט ווערן."

**אסעמבלי מיטגליד ניק פערי האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער סטעיט בויט זיך צוריק אויף נאכפאלגנדיג די פאנדעמיע, מוזן מיר באשיצן אפגעשוואכטע ניו יארקער וועלכע האבן געליטן די מערסטע. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פארן אונטערשרייבן געזעץ A.113 וואס איך האב אריינגעגעבן, וועלכע וועט באשיצן און פארגרינגערן די צושטאנד פון מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען אריינגעפאלן אין שווערע צייטן, און עס וועט זיי האלטן אין זייערע היימער דורכן ארויסנעמען די ריבית (אינטערעסט) אויף זייער רענט-סטאביליזירטע אפארטמענט פון די באנקראט פראצעדורן. אויב ניו יארקער פאלן אריין אין שווערע צייטן, קענען זיי זיין פארזיכערט אז זיי וועלן נישט געלאזט ווערן היימלאז אויב זיי ווילן א פרישע פינאנציעלע אנהויב און באנוצן זיך מיט די באנקראט פראצעדור."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן